
בס"ד
Moshe Kraus Presents
התחדש
ניגוני ר' הערשל ראזענבערג הי"ו

# תתחדש

## ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה

יָרֵאתִי בְּמִצְוֹתַי שִׂיחַ לְהַשְׂחִיל... "איך דאנק און לויב" דעם בורא כל עולמים אז איך האב די זכי' מיטצוטיילן מיט אנדערע אידן ניגונים אשר חנן אותי אלוקים, געזאנגען פון אמונה, האפענונג, חיזוק און געבעט.

נגינה סטרונעס זענען פון אייביג אן געווען געבינדן צו מיר, שוין אלס איינג בחור האבן מיר געהאט א שטארקע קשר מיטן היכל הנגינה און צאינד אז די השגחה העליונה האט געפירט אז די ניגונים זאלן ארויסקומען לאור עולם, איז מיין תפילה לקל חי אז אידן זאלן הנאה האבן, ויהיה זה שכרי מכל עמלי.

*

משנות נעורי ליגט מיך נאך טיף אין די ביינער די תקופה ווען כ'האב געלערנט ביי מיין ראש ישיבה הגה"צ רבי יהודה זאב סג"ל זצוק"ל אין מאנשעסטער, ער האט שטענדיג געקאכט אין די הלכות פון שמירת הלשון און בין אדם לחבירו, די דאזיגע אינספיראציע האט מיר אלעמאל באגלייט און איז אין לויף פון די יארן געקומען צום אויסדריק דורך די קאמפאזיציעס "הנעלביך" און "מי האיש".

א טיפערע גילוי אינעם עולם הנגינה האבן מיר געהאט, ווען מיר זענען געזעצן בלילי שבת קודש און פארברענגט בשבת אחים בשירות ותשבחות בדיבוק חברים, אין יענע תקופה זענען באקאנט געווארן די ניגונים "אמת און "הרחמן" און אין אן אנדערן פאל נאכן זיין אינספירירט פון א שמועס בעניני אמונה ובטחון האבן מיר פארפאסט דעם ניגון "איך גלייב".

דער ניגון "גמור" האט אריינגעבליצט צו מיר אין מחשבה, זייענדיג עוסק אין א פראיעקט וואס מיר האבן ארויסגעגעבן פאר אנדערע, אבער עס איז נישט פולקאם פארענדיגט געווארן ביז מיר האבן זיך שפעטער טיפער מעמיק געווען דערין, און דאן ביים גמר המלאכה האבן מיר זיך געטראפן אונטערזינגען דעם "המתחיל" מיט א קלארע הבנה.

דעם "שבת קודש" ליד האט ווי פון זיך אליין זיך צעשפילט אין מיינע גלידער, איין ליל שב"ק זיצנדיג ביים שבת טיש ארומגענומען מיט די קינדער, פארברענגנדיג אינאיינעם בזמירות שירות ותשבחות למלך קל חי.

*

פון הארצן טיפן טוען מיר זיך באדאנקען פאר האברך בריך הכשרון **מוה"ר משה קרויס הי"ו** פון **MK Studios** וואס האט מיט זיינע שטארקע טאלאנטן באגלייט דעם פראיעקט מיט הארץ און געפיל ביז מיר זענען ב"ה אנגעקומען צום "גמור", ווען נישט זיין ווייטן בליק וואלט געוויס נישט געווען אזא "התחדשות". ואחרון חביב האט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט זיך צו באקענען מיט האברך בריך הכשרון **מוה"ר הערשי וויינבערגער הי"ו**, וואס פון זיין קוואל האבן מיר אזויפיל געשעפט דורך זיינע געבענטשטע כוחות אין נגינה. ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה'.

*

עס שפירט זיך אלס א זכי' און פליכט זיך צו באדאנקען פאר מיין חשובן טאטן שליט"א וואס האט מיר כסדר אלע יארן מעודד געווען צו פובליצירן די געזאנגען. דער אויבערשטער זאל אים געבן אריכת ימים ושנים מיט געזונט און נחת פון די קינדער און קינדס קינדער.

באזונדער טו איך דא באדאנקען מיינע חשובע קינדער נ"י, וואס יעדער באזונדער האט פיל צוגעגעבן צו דעם פראיעקט, יעדער מיט זיינע אייגנארטיגע געבענטשטע כשרונות.

מנשים באוהל תבורך, עס מוז דערמאנט ווערן לברכה מיין געטרייע לעבענס באגלייטערן אשת חיל עטרת בעלה תחי', וואס האט מיר כסדר געגעבן די מוט צו טון אינעם עבודת נגינה, דאס האט שטארק דערהויבן אונזער שטוב און אונז געברענגט צו ערציען לעכטיגע דורות.

די פראיעקט טו איך מקדיש זיין אין אנדענק פון מיין אומפארגעסליכע חשובע מאמע מרת רבקה בת ר' יעקב מנחם מענדל ע"ה און אין אנדענק פון מיין אומפארגעסליכע חשובע שוויגער מרת פרידא מילכה בת ר' חיים אלכסנדר ע"ה הרבנית מריבניץ.

דער אויבערשטער זאל געבן אז די אלבום זאל געפינען חן בעיני אלוקים ואדם און ס'זאל דערהייבן אידישע קינדער לעבודת הבורא יתברך שמו!

הערשי ראזענבערג

**מרחשון תשפ"ג**






מקור: **ר"ה טז:**
מנגן: **שמילי אונגר**
עיבוד: **רובי בנט**
מילים: **הערשי וויינבערגער**

רעיון: **הערשל ראזענבערג**
מקהלה: **שמואל יצחק**
**מייזעלס + משה קרויס**
מיקס: **זושא שניצלער +** Mk Studios

## 1

תתחדש מ'זאגט
א נַייע הייזל
די מענטש ער האפט
פון יעצט אָן גוטע מזל
ס'שטייט דאך קלאר
אט איז דער באווייז
משנה מקום משנה מזל

חדשים ארבעט
כֹּחַ מ'טוט געבן
א נַייע ארט
איז א נַייע לעבן
ס'קומט אָן די טאג
נו, געגאנגען
און פון יעצט אָן
די מזל וועט אנפאנגען

**ווייל משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**

די פלאץ גבייט שוין
די צייט פארגייט שוין
דער איד אבער זעהט נישט
קיין שינוי ווערן
נישט געטראפן
וואס ער טוט האפען
נו וואס איז פשט
לאמיר אייך ערקלערן

משנה מקום
מיינט נישט טוישן ערטער
משנה מקום
הערט דעם רשב"א'ס
הייליגע ווערטער
משנה מקום
אט אזוי ערקלערט ער
א מאל אין מוח
א מחשבה א פארשווערטער

משנה מקום
טויש דיין בליק אויף זאכן
פין יעדע קליינעקייט
טו די בעסטע מאכן
משנה מקום
ס'ליגט אין דיין בחירה
צו טוישן דיין בליק
און דיין קוק
אויף די גאנצע יצירה

**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**

אלעס גבייט שוין
יעצט פארשטייט שוין
א גרויסע שינוי
עס טוט שוין ווערן
דאס גליק געטראפן
וואס מ'טוט האפן

די טויש אין מחשבה
טוט אַלעס ערקלערן

משנה מקום משנה
טויש די בליק דיינע
ס'וועט דיר זיין מְהַנאה
פון היינט און ווייטער
טראכט נאר שענער
משנה מקום משנה
אנדערש אויף יעדע
זאך נאר קוק
ס'וועט דיר ברענגען זיסע גליק
גוט און פיינער זיסער שענער
משנה משנה

**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**

ער פארשטייט שוין
געפרייט שוין
גבייט שוין
די מזל

**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**
**משנה מקום משנה מזל**

# זָכוֹר

מקור: **תהלים מ, יב - כה, ו**
מנגן: **אייזיק האניג**
עיבוד: **משה לאופר**
מקהלה: **שמואל יצחק מייזעלס** + Mk Studios
מיקס: **יניב באלאס**

## 2

**אַתָּה ה' לֹא תִכְלָא רַחֲמֶיךָ**
**מִמֶּנִּי חַסְדְּךָ וַאֲמִתְּךָ תָּמִיד**
**יִצְּרוּנִי. זְכֹר רַחֲמֶיךָ ה'**
**וַחֲסָדֶיךָ כִּי מֵעוֹלָם הֵמָּה.**

# אֱמֶת

מקור: **ברכת אמת ויציב**
מנגן: **גערשי אורי**
עיבוד: **זושא שניצלער**
מקהלה: **אנשי עקשטיין** + Dynamic Studios
מיקס: **זושא שניצלער** + Mk Studios

## 3

**אֱמֶת. אַתָּה הוּא רִאשׁוֹן**
**וְאַתָּה הוּא אַחֲרוֹן. וּמִבַּלְעָדֶיךָ**
**אֵין לָנוּ מֶלֶךְ גּוֹאֵל וּמוֹשִׁיעַ**

**אַתָּה הוּא רִאשׁוֹן**
**די ביסט דער ערשטער**
**וְאַתָּה הוּא אַחֲרוֹן**
**די ביסט דער לעצטער**




מקור: **גיטין לו:**
מנגן: **ליפא שמעלצער**
עיבוד: **שלומי זאלצמאן**
מילים: **ליפא שמעלצער**

רעיון: **הערשל ראזענבערג**
מקהלה: **גערשי שווארץ +**
Edgware Studios
מיקס: **זושא שניצלער +** Mk Studios

## 4

עוֹשִׂין מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִין
שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵין מְשִׁיבִין
עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר
וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת
הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ

**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵין מְשִׁיבִין**

**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**עוֹשִׂין מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִין**

די גרויסע לבנה
שיינט איר ווייסע שיין
די קליינע זון
זי שטעלט איר
שטרַאל אריין
קומט די לבנה
און קלאגט צום בורא דַאן
אין שני מלכים מוליכים
צוויי ליכט קען נישט זיין

זאגט דער בורא, אה
איך נעם ארויס דערפון
דו ווער קליין
און גרויס מאך איך די זון
קומט די הייליגע מאירי
און טייטשט אריין דערין
אויב איר ווערט אמאהל
פארשעהמט
שווייג און מאך זיך שטום

איך בין מיט מענטשען
דא צוזאמען
פונקט איינער מוז
מיר פארדַאמען
מיין פנים הייבט אן פלַאַמען
סאיז שווער זיך
האלטען און די רַאַמן
אבער דער באשעפער
וועט שוין דַאגה'ן
ענטפערן יעדנס פרַאַגען
פון א שכן שותף צו א מנגן
איך ענטפער גארנישט
מער ווי שווייגען

א באקעלע א רויטע ווייסע
א האקעלע אויג א נאסע
א מכה'לע האסט
מיך ווי געטון
א גאנצע מעשה
פרעג בעסער נישט,
אוי געוואלד
ווייל איך וויל שווייגען
א שווייגעניש
גרינג איז עס מיר
גראדע נישט
אבער נאר דאס היילט
די ביטערע ליידעניש
ווי עס שטייט וידום אהרן
אהרן האט געשויגען
אין באקומען שכר

**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים**
**מ'שוואגט אין מ'שוואגט**
**אין מ'שוואגט**

# איך גלייב

מקור: **תהלים יג, ו**
מנגן: **מאטי אילאוויטש**
עיבוד: **אלי קליין + איצי בערי**
מילים: **הערשל ראזענבערג**
מקהלה: **יענקי שטיינמעץ + EQ Studios**
ילדים: Mk Studios
מיקס: **אלי קליין + יוצי ברי**

## 5

וַאֲנִי בְּחַסְדְּךָ בָטַחְתִּי
יָגֵל לִבִּי בִּישׁוּעָתֶךָ

איך גלייב אין גלייב
נאר דו קענסט מיר העלפען
איך דאנק אין לויב
אז דו טוסט מיר העלפען

איך בעט אין בעט

אז דו זאלסט מיר ווייטער
אלעמאל העלפען
נאר דו קענסט העלפען

ואני ואני ואני
בחסדך בטחתי
איך גלייב אין גלייב
איך בעט אין בעט
וייל בחסדך בטחתי



# שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

מקור: **קה אֶכְסֹף**, רבי אהרן הגדול מקרלין
מנגן: **דובי מייזעלס**
עיבוד: **צבי בלומענפעלד**
מקהלה: **שירה כאר, יואלי הורוויץ**
ילדים: Mk Studios
הפקה \ מיקס: **זושא שניצלער + Mk Studios**

## 6

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נַפְשִׁי**
**חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ**




מקור: **סוטה יג:**
מנגן: **לוי פאלקאוויטש**
עיבוד: **יושע קאללער**
מילים: **הערשי וויינבערגער**
מקהלה: **יוסי גליק + שבח סטודיאס**
מיקס: **יניב באלאס**

## 7

**המתחיל במצוה**
**אומרים לו גמור**

**אין המצוה נקראת**
**אלא על שם גומרה**

**א מענטש הייבט אן**
**א מצוה'לע**
**צו טון א גוטע זאך**

**דעם בורא שענקען**
**און אים ברענגען**
**א נחת רוח**

**אין וועג עס שטייט**
**א שוועריגקייט**
**די שפירסט די ווילסט נישט מער**
**ווי'זוי פלעגט די מאמע זאגען**
**א גוטע זאך**
**קומט אן שווער**

## 8

מקור: **תהלים לד, יג-יד. קהלת י, כ**
מנגן: **הערשי וויינבערגער**
עיבוד: **זושא שניצלער**
מילים: **הערשי וויינבערגער**
מקהלה וילדים: **אנשי עקשטיין** + Dynamic Studios
מיקס: **זושא שניצלער**

מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים
אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב.
נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע
וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה.

כִּי עוֹף הַשָּׁמַיִם
יוֹלִיךְ אֶת הַקּוֹל
וּבַעַל כְּנָפַיִם יַגֵּיד דָּבָר.

דו זאגסט אמאל
א ווארט איבעריג

מ'פארגעסט און צייט
גייט פארביי
אבער יעדע
שלעכטע ווארט
צום סוף קומט צוריק
אוןליידער טוט
עס איינעם וויי

געדענק, נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע
פון שלעכטע רייד

היט אפ דיין מויל
וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה
א לאנגע לעבען
האבן מ'זאל

קינד מיינס, טוה
זיך אכט געבען
יעדעס ווארט ברענגט
צו לעבען
נצור לשונך מרע

# מי האיש

# הַרַחֲמָן

מקור: **ברכת המזון**
מנגן: **אהרעלע סאמעט**
עיבוד: **חזקי ברויער**
מקהלה: **שירה, יואלי האראוויץ**
מיקס: **זושא שניצלער** + Mk Studios

## 9

**הָרַחֲמָן הוּא יַנְחִילֵנוּ לְיוֹם**
**שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת וּמְנוּחָה**
**לְחַיֵּי הָעוֹלָמִים.**




מקור: **מלאכי ג, כד**
מנגן: **בערי וועבער, יודי ראזענבערג**
מילים: **הערשל ראזענבערג**
עיבוד: **נפתלי משה שניצלער**
מקהלה: **אנשי עקשטיין + Dynamic Studios**
מיקס: **זושא שניצלער + Mk Studios**

## 10

וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים
וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם

טאטע ליבע טאטע
הער צו וואס איך בעט פון דיר
איך וויל אזוי נאנט זיין צו דיר

טאטע זיסע טאטע
ווען קומסטו צוריק צו מיר
ולב בנים על אבותם

טאטע ליבע טאטע
הער צו וואס איך בעט פון דיר
איך וויל אזוי נאנט זיין צו דיר

טאטע זיסע טאטע
ווען קום איך צוריק צו דיר
לב אבות על בנים
ולב בנים על אבותם

# אווארט פון עם-קעי סטודיא

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך זיך באקאנט געמאכט מיט א איד וואס טראגט דעם נאמען "ר' הערשל ראזענבערג".

ער האט זיך פאר מיר פארגעשטעלט אלס "הערשל", אבער נאכ'ן זיך באקענען מיט אים פון דער נאנט, איז שוין די "ר' " געווארן צוגעקלעבט צו זיין נאמען און עס גייט סינאנים.

מיר גייען דא געוויס נישט מאכן קיין לענגערע הספדים, אבער דער "ר' הערשל" האלט זיך פאר א פשוט אידל. ער ווייסט אפי' נישט פארוואס מיר פובליצירן אן אלבום פון זיינע מעלאדיעס. "ס'איז פשוט געוויסע ניגונים מיט וואס איך טראג זיך ארום די לעצטע פערציג יאר און כ'וויל עס דאקומענטירן און פרעזערווירן", האט ער זיך מסביר געווען ווען מיר האבן זיך געטראפן אין איינע פון די מאנסי געשעפטן איינקויפן לכבוד שבת.

מיר האבן עס אנגעהויבן דאקומענטירן און ר' הערשל האט נישט געוויסט וויאזוי צו פארדייען מיין עקסייטמענט נאך יעדע ליד וואס ער האט אפגעזינגען. "דאס... ס'איז מיר עפעס אריינגעקומען אין קאפ בייגעוואוינענדיג אן אפענע השגחה עליונה'דיגע געשעעניש." אדער "דעם ניגון...?! כ'האב מיך דאס געטראפן אונטערזינגען ביים שארן די שניי." אן אנדערע ניגון איז צושטאנד געקומען ווען ער האט זיך גע'חלומ'ט א פשט אין גמרא, און שפעטער אויסגעפינען אז דער רשב"א לערנט אקוראט געני.

אין יענע תקופה נאכן רעקארדירן עטליכע ניגונים, האב איך אנגעקלינגען ר' הערשל'ן "די ניגונים טארן נישט בלייבן דא צווישן אונז, אידן מוזן דאס הערן". כ'האב מיר געהאלטן ביי מיינס אז ווען א איד באקומט אורות, מוז דאס ווערן מיטגעטיילט מיט אנדערע אידן. זאלן אנדערע אויך נתעורר און דערהויבן ווערן. עס האלטן פארשפארט אין שופלאד איז קיין מהלך.

"אבער" - זאגט ער מיר - "דאס איז דאך נישט אזוי מסודר, דא פעלט א ביעט, דא גייט עס ארויף אנשטאט אראפ..." און פיל מיט קליינליכע נקודות וואס זענען נאך נישט אויסגעשארפט.

כ'האב אים דאן פארטרויערט דעם סוד, אז אויף יעדע ליד וואס ערשיינט לאור עולם, ווערן געמאכט קליינליכע אפעראציעס. אבער א געפיל פון א ניגון דאס קענען קיין שום אפעראציעס נישט מאכן. ווידעראום א ניגון וואס האט א טיפע משמעות און טיפערע אינהאלט, בלייבט דער אינהאלט אין פלאץ, אפגעזען אויב מען פאררעכט א ביעט דא און דארט.

ב"ה אז מיר האלטן דא, נאך דריי יאר פון שטארקע השקעה. כמעט יעדע ניגון וואס איז אריין אינעם אלבום, פארמאגט א געשיכטעלע אונטער זיך וואס עס האט אינספירירט דעם ניגון.

"כ'מאך נישט קיין ניגון" זאגט אלץ דער ר' הערשל. ער האט זיך קיינמאל נישט אראפגעזעצט לשם יחוד צו פארפאסן א ניגון, ער ווייסט אפי' נישט געני וויאזוי מען טוט דאס. עס איז בלויז אז יעדע ניגון וואס ער האט אין באזיץ, האט אים אריינגעבליצט במחשבה ווי א מתנה פון אויבן.

און צו דיר ר' הערשל ווילן מיר זיך ערלויבן צו זאגן אז מיר האבן ערהאלטן א מתנה פון אויבן. דאס זיך באקענען מיט ר' הערשל'ס ישוב הדעת און קלארקייט אין אלע מצבים, דאס איז מיין מתנה.

האט הנאה און דערפרישט אייך פון ר' הערשל'ס התחדשות!

משה קרויס

# CREDITS

**Album Credits:**

Songs Composed by Reb Hershel Rosenberg

Album Produced by Moshy Kraus

Creative Director Hershy Weinberger

Mastering by Ian Freither

Cover Artwork & Marketing by Dart Media

**Studios Engineer:**

Moshe Kraus

Zishe Schnitzler

Volvi Spitzer

Shmiel Yitzchok Meisels

Cheski Fisch

Chaim Gottesman

## A Very Special Thanks:

Reb Shlomo Hersh Ekstein

Reb Velvel Schmeltzer

Shlomo Wechter

Chaim Gottesman

Zalmen Wieder

Anshi Ekstein

Cheski Fisch

Mendy Hershkowitz

Shaya Gross

Udi Damari

Avrumy Berko

Yidel Breuer

Shaya Gross

Yisroel Orbach

Chaim Loab

## ר' ישכר בער ארגעל

יישר כח פאר די ענדלאזע שעות וואס דו האסט אריינגעלייגט אין דעם פראיעקט און אזוי אויך די כוחות און דיין נשמה וואס דו האסט געגעבן פאר אונזער פלאץ, דאס וועט געדענקט ווערן אויף א לאנגע צייט

## ר' שמואל יצחק מייזעלס

המתחיל במצווה.... יישר כח פארן אריינלייגן דיינע אומגעהויערע טאלאנטן אין דעם פראיעקט, דיינע פינגער אפדריקן איז צום דערקענען אין יעדן ניגון

## ר' וואלווי שפיטצער

סאיז מיר א זכיה זיין צו האבן באקענט מיט דיר און קענען האבן געארבייט אינאיינעם אויף אזויפיל פראיעקטן און אויפטריטן

## ר' אבא בערקאוויטש

דער נאמען אבא בערקאוויטש זאגט אלעס, נישטא ווי אנצוהייבן און די ליסטע ענדיגט זיך נישט, שקויעך פארן זיין every step of the way...

## ר' זושא שניטצלער

אלא על שם גומרה. די פראיעקט וואלט נישט אויסגעקוקט וויאזוי דאס קוקט יעצט אויס, אן דיין ארבייט אויף יעדן איינציגן ניגון, דיין טאלאנט שיינט.

## ר' מרדכי פליגמאן

א ערנעגישער מענעדזשער, גע'שיק'ט און פלינק, געזאגט און געטוהן. די behind man אסאך שיינע זאכן וואס כלל ישראל האט הנאה

1 **תתחדש** שמילי אונגר

2 **זכור** אייזיק האניג

3 **אמת** גערשי אורי

4 **הנעלבין** ליפא שמעלצער

5 **איך גלייב** מאטי אילאוויטש

6 **שבת קודש** דובי מייזעלס

7 **גמור** לוי פאלקאוויטש

8 **מי האיש** הערשי וויינבערגער

9 **הרחמן** אהרעלע סאמעט

10 **והשיב** בערי וועבער

MK

HERSHY WEINBERGER

Studio DYNAMIC STMTZ RECORDS שבח STUDIO BANET VOLUME STUDIOS NIGUN MUSIC .com

RebHershel.com